15.4.81

ליבער פֿרײַנד דוד-הירש ראָסקעס!

אַ גרויסן דאַנק דיר פֿאַר דעם פּעקל פּובליקאַציעס. איך האָב געלײענט יעדעס וואָרט כמעט מיט געוואַלדיקן אינטערעס. היימיש-ייִדישע גײַסטער פֿאָדערן זיך ווי קלײנע מלאָכים פֿון די ייִדישע וועלטער גלײַך אין מײַן זכרון אַרײַן. אין דײַן פֿראַגמענט 'הננו' האָב איך אומגעריכט געפֿונען אַ זכר פֿון מײַן מאַמען...

עס וועט מיך לײַדער פֿעלן זיך באַגעגענען מיט דיר פּנים-אל-פּנים בשעת דער קאָנפֿערענץ אין ירושלים, דעם זומער. איך וועל אויך רעפֿערירן דאָרט אויף דער טעמע: 'פֿון שירה בלנסה מנגלי'. איך האָב באַשלאָסן בשעתו שרײַבן [illegible] אַן אויספֿירלעכער קריטישער מאָנאָגראַפֿיע וועגן מענדעלע מוכר-ספֿרים [דער קינסטלער פֿון צוויי שפּראַכן] דײַן קריטישער אַרטיקל וועגן ניגערס בוך האָט מיר געגעבן מוט. וועגן מענדעלען האָט מען שוין געדרוקט אַ סך. מע באַדאַרף זיך אָבער דערנײַען. ס'איז שוין צײַט. איך האָב צונויפֿגעקליבן אַ סך מאַטעריאַל.

יתר על כן, איך האָב אויסגעאַרבעט דעם טערמין 'נוסח פּוילן' 'קלײנעם מענטשעלע' [פֿון 'קול מבשׂר'] אַלס העברעיש און כּ'האָב איז דער מיפּער אוניווערסיטעט וועט עס וועלן ~~[illegible]~~ אַרויסגעבן. דעם באָרל זײַן אַן אַקאַדעמישער עפּיזאָד, ווי דײַנע טעקסטן — דער ייִדישער אָריגינאַל [אין אַ נײַעם אַנאַליז] און די העברעישע איבערזעצונג — זײַנען געדרוקט ווי אײנער-לעבן-דעם-אַנדערן. אַלס העברעיש איז ניט קיין איבערזעצונג פֿון 'דעם קלײנעם מענטשעלע'. ביז 30ן האָט זיך פֿאַרמאָסטן — אָבער עד היום ~~[illegible]~~ איז פֿון דאָס געבליבן נאָר אַ פּלאַן. עס איז אויך מיגלעך, אַז דער פּלאַן וועט בלײַבן אַ פּלאַן, אַזאַ גײַער אַ צוגאָב.

דײַנע אַרבעטן וועגן דאָס ייִדישע ליטעראַטור צײַגן לײַדער אײגנמעסטן.

דײַן אַרטיקל וועגן ייִדישן מנהגים אין אַמעריקע איז אַ פּערל. איך האָב זיך בײַ דיר אַ סך געלערנט. וואָס האָט זיך מיט דײַן Prooftexts?

-2-

ווי אַזוי קען איך אַבאָנירן איצט אין זשורנאַל? אָדער אַפֿילו אין ענגליש נעמען ...

שרײַב מיר פּרטים וועגן דײַן משפּחה. איך האָב געלייענט בײַ דיר, אַז איר רעדט אין דער היים ייִדיש. קען דאָס געמײנט זײַן? מײַנע קינדער קענען קיין ייִדיש, לײדער, ניט. דאָס איז טאַקע מײַן שולד. מײַן פֿרוי, מרים, האָט זיך אויסגעלערנט ייִדיש דרוקן אויף דער שרײַבמאַשינקע מײַנע אַרבעטן. זי לייענט ייִדיש ניט שלעכט, אַפֿילו שלום־עליכמען!

זײַט זשע מיר געזונט און שטאַרק, גריסט האַרציק אײַער פֿאַמיליע

אײַער
שלום לוריא

א.גרינמן

השולח sender Shalom Luria
מען address Kibbutz Merhavia 19 100
Israel
יישוב code מיקוד place

אין לשים דבר באיגרת אוויר. איגרת שהושם בה דבר תישלח בדרך הים.
un aérogramme contenant un objet quelconque sera transmis par voie de surface.
an aerogramme containing any enclosure will be sent by surface.

David G. Roskies
336 West End Avenue
New York N.Y. 10023
U.S.A.

שקל שקל שקל
0.30
ISRAEL ישראל اسرائيل

ישראל
2.60
ISRAEL
اسرائيل

איגרת אוויר
דואר אוויר
AEROGRAMME
BY AIRMAIL